NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12866

A MAYSE MIT DRAY

E. V. Aleksandrova

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א מייסע
מיט דריי

ציגעלעך

ווייסרוסל. מעלוכע פארלאג

1929

אַ מאַיסע מיט דריי ציגעלעך

אויפגעזאַמלט און באַאַרבעט:
ע. אַלעקסאַנדראָווע, ט. בענסמאַן

הילע און צייכענונגען — א. מילטשין.

ווייסרוסלענדישער מעלוכע-פאַרלאַג
מינסק — 1929

מינסק, דרוקעריי פֿון ווייס-
רוסלענדישן מעלוכע-פֿאַרלאַג.
באַשטעל. 128. טיראַזש 3000.
גלאַווליטבעל 445.

פֿריידעלע קוואקטוכע



— פֿריידעלע, פֿריידעלע! — האָט אַ רוף געטאָן די מאַמע, — קום גיכער אַהער.

— שוין, שוין, — הערט זיך פֿון גאַס פֿריידעלעס קאָל.

און זי — אַ רויטינקע, אַ גראָבינקע לויפֿט אין הויף צו דער מאַמען.

— קום זעצן דיין קוואקע אף אייער!

— זי זאָל הינדעלעך אויסזיצן? יע?

— יע, יע, — זאָגט די מאַמע, — זע סאַראַ גרויסע אייער איך האָב אויסגעקליבן.

— מאַמע, און ווי מאַכן זיך פֿון די אייער הינדעלעך?

— קוואקע וועט זיצן אף די אייער, וועט זיי וואַרעמען, וועט פֿון יעדער איי אַרויסגיין אַ הינדעלע. נו, קום!

— קוואָק-קוואָ! — גייט אַרום קוואקע איבערן שטאָל אַ בייזע, אַ בייזע.

די מאַמע האָט גענומען אַן אַלטע קערבל, האָט זי אויסגעבעט מיט היי, צעלייגט די אייער און אַוועקגעזעצט קוואָקען.

קוואָקע האָט זיך צעשריִען נאָך שטאַרקער. זי האָט אַ טאַפּ געטאָן מיטן שנאָבל יעדער איי און האָט זיך באַרויִקט.



— נו, קום, פֿריידעלע, איך דאַרף צוגיין צום טאַטן אויף דער פֿאַבריק!

— איך וויל ניט, איך וועל בעסער קוקן אויף קוואָקען — האָט געענטפֿערט פֿריידעלע און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קעסטל.

זי זיצט אַזוי, טראַכט וועגן עפּעס, און אַ שמייכל צעגיסט זיך איבער איר פֿולינקן פּעניםל.

דערנאָך לויפֿט פֿריידעלע גיך אריין אין שטוב, כאַפּט אין קאָשיק צוויי אייער און—גלייך צוריק אין שטאַל.

פֿאַרנאַכט האָט די מאַמע גענומען רופֿן איר טאָכטערל אַהיים. רופֿט, רופֿט, קיינער ענטפֿערט ניט. מע האָט געזוכט פֿריידעלען אַפֿן גאַס, בא די שכיינים — אינערגעץ ניטאָ.

— ווו קאָן זי דאָס זיין?—האָט זיך באַומרויִקט דער טאַטע.

— איך האָב זי פֿאַרן אַוועקגאַנג געלאָזן אין שטאַל—כלי־פּעט די מאַמע—מיר האָבן דאָרטן קוואקען געזעצט אַף אייער.

— קום, לאָמיר זי דאָרטן אַ זוך טאָן!

— קום!

קוואקע איז רויִק געשלאָפֿן אין איר נעסט. אָבאַזייט אין אַ קעסטל מיט היי איז געזעסן פֿריידעלע און איז געשמאַק געשלאָפֿן. אונטער איר זיינען געלעגן צוויי צו־קוועטשטע אייער...

— אָי, אַ קוואָקטוכע,— האָט געקוואָלן דער טאַטע און האָט אַוועקגעטראָגן פֿריידעלען אַף די הענט אַהיים.

מוישעלע



מוישעלעס מאַמע איז היינט שטאַרק פאַרנומען. זי האָט אַוועקגעזעצט מוישעלען אין עסצימער אפן פאדלאָגע. אין איין הענטל האָט זי אים געגעבן אַ סקאָרינקע, אין דער צווייטער — א קאַלעקאָטקע, און אליין איז זי אוועק אין קיך ארבעטן.

די קאַלעקאָטקע האָט מוישעלע גלייך אַ וואָרף געטאָן, זי איז אים שוין לאַנג דערעסן געוואָרן; די סקארינקע איז אים מער געפעלן, מיט איר קען מען דאָך רייבן די פאדלאגע.

ער האָט איינגענעצט די סקאָרינקע אין שפייעכץ און זיך גענומען רייבן די פאדלאגע. געריבן, געריבן, פאַרמאַטערט זיך. האָט ער אופגעגעסן די סקאָרינקע און האָט שוין ווייטער ניט וואָס צו טאָן. איז ער אוועק איבערן צימער זוכן ארבעט.

ער גיט אַ קוק אין מיסטעמער—פוסט! אין שפייקעסטל— אויך גאָרנישט ניטאָ. קענטיק, די מאַמע האט זיך געכאפט אלץ ריין מאכן פאַרן אוועקגאנג.

אַהאַ! אָט איז דער אלמערל מיט געפּעס! די מאַמע האָט אים אַפּילע פאַרשטעלט מיט א שטול, אָבער מוישעלע קריגט זיך אן אייצע. ער האָט זיך איינגעשפּאַרט מיט די הענטלעך אין שטול און געשטופּט אים מיטן קאָפּ; געמאכט זיך א דורכגאַנג און איז טאקע צוגעקומען צום אלמערל.

— אָי! וואָס ער האָט דאָרטן דערזען!



פּענדלעך, סקאווערעדעס, דעקלעך, לעפל און וואָס ניט! דאָס איז שוין ניט קיין קאַלעקאָטקע, מיט דעם אלץ קען מען פאַרפירן שוין איינמאָל א שפּיל! — און מוישעלע האט זיך גענומען פאר דער ארבעט...

ער האָט גאָרניט באמערקט, ווי די צייט איז דורכגעלאָפן.

די מאַמע האט דערווײלע געענדיקט איר ארבעט און האָט זיך אומגעקערט פון קיך. זי גייט אַריין—שטיל!

— „מיסטאָמע איז ער נעבעך אנשלאָפן געוואָרן א פּאַר-קלעמטער אין א ווינקעלע״,—טראכט זי.

זי טוט אַ קוק הינטערן טיר... אוי! וואָס טוט מען? פּענדלעך, דעקלעך, בלעכלעך, לעפל — אלץ וואַלגערט זיך אפן פאדלאגע. און מוישעלע נעמט אָן פון א בלעכל פּודע הויפּנס מעל און שיט זיך אַפן קאָפּ. ווייס איז ער ווי דער שנייער, און אלץ ארום אים איז אויך ווייס.

שטייט די מאַמע און ווייס ניט פאַר וואָס צו כאַפּן זיך: צי זאָל זי מוישעלען באָדן, צי דאס געפּעס אופקלייבן, צי די פאדלאגע וואַשן?

און מוישעלע קוקט אף דער מאמען מיט ליכטיקע אויגעלעך, פונקט ווי ער וואלט געזאגט:—זעסט, מאמע, סאַראַ שיינע שפּיל איך האב צוגעטראכט? קום איניינעם שפּילן!



א מייסע מיט דריי ציגעלעך

אַמאל איז געווען א ייִנגעלע, האט עס געהאט דריי ציִגעלעך. גאַנצענע טעג זיינען די ציִגעלעך געלאפֿן, געשפּרונגען, און צו דער נאכט צו פֿלעגט זיי דאָס ייִנגעלע פֿאַרטרייבן איִן שטאל אריין.

איינמאל איינאָוונט, אז דאָס ייִנגעלע איז געקומען צוגיין אפֿן פֿעלד און האט געוואלט אוועקטרייבן אהיים זיינע ציגעלעך, זיינען די שטיפֿערקעס אוועקגעלאפֿן און האבן זיך באהאלטן ווייט אינמיטן קרויטפֿעלד. און דאס ייִנגעלע האט זיי בעשום אויפֿן ניט געקאנט ארויסיאגן.

האט זיִך דאס ייִנגעלע אוועקגעזעצט אפֿן וועג און וויינט.

גייט פֿארביי א העזעלע.

— וואס וויינסטו?—פֿרעגט דאס העזעלע.

— איך וויין, ווייל איך קען ניט די ציגעלעך פון פעלד ארויסטרייבן.

— ווארט, כ'וועל זיי ארויסטרייבן, — זאָגט דאָס העזעלע — און גענומען זיך טרייבן די ציגן. גייען זיי ניט.

האָט זיך העזעלע אויך אַוועקגעזעצט וויינען.

גייט פאַרביי אַ פוקס.

— וואָס ווייסטו, העזעלע? — פרעגט דער פוקס.

— איך וויין, ווייל דאָס יינגעלע וויינט, און דאָס יינגעלע וויינט, ווייל ער קען ניט די ציגעלעך פון פעלד אַרויסטרייבן.

— ווארט, איך וועל זיי אַרויסטרייבן,—זאָגט דער פוקס.

גענומען זיך טרייבן די ציגן, גייען זיי ניט.

האָט זיך דער פוקס אויך אַוועקגעזעצט וויינען.

גייט פאַרביי אַ וואָלף.

— וואָס ווייסטו? — פרעגט ער דעם פוקס.

— איך וויין, ווייל העזעלע וויינט. העזעלע וויינט, ווייל דער יינגעלע וויינט. דאָס יינגעלע וויינט, ווייל עס קען ניט די ציגעלעך פון פעלד אַרויסטרייבן.

— איך וועל זיי אַרויסטרייבן, — זאָגט דער וואָלף.

גענומען זיך טרייבן די ציגן, גייען זיי ניט. האָט ער זיך אויך אַוועקגעזעצט וויינען.

אין אַביסל צייט אַרום פליט פאַרביי א בינעלע — זום, זום, זום. זעט זי, אַז זיי זיצן אלע און וויינען.

— וואָס ווייסטו? — פרעגט זי דעם וואָלף.

— איך וויין, ווייל דער פֿוקס וויינט, דער פֿוקס וויינט, ווייל דאָס העזעלע וויינט, דאָס העזעלע וויינט, ווייל דאָס ייִנגעלע וויינט. דאָס ייִנגעלע וויינט, ווייל ער קען ניט די ציגעלעך פֿון פֿעלד ארויסטרייבן.

— איך וועל זיי אַרויסטרייבן, — זאָגט דאָס בינעלע.
דאָ האָבן זיך אַלע פֿאַנאַנדערגעלאַכט.
— אזאַ פּיצל בינעלע וועט די ציגן ארויסיאָגן!
כאַ-כאַ-כאַ!

די בינעלע איז אַוועקגעפֿלויגן אַפֿן פֿעלד, געזעצט זיך אײן ציגעלע אפן רוקן, אַ בּיס געטאָן און גענומען זיך זומען: דזזזז.

די ציגן האָבן זיך גלייך א לאָז געטאָן צום יינגעלע.



ווינטער נאָך האָט כאַיִם דער שמיד צוגעזאָגט זיין זונדל, יאָסלען, קויפן אַ ציג.

— קיין מילך וועט דיר שוין דעמלט ניט פֿעלן!—האָט דער טאַטע געזאָגט, און ער האָט געגלעט יאָסלען די בעקלעך.

אַלע נאַכט קימאַט כאָלעמט זיך יאָסלען אַ ציגעלע, אַ קלאָרינקע, מיט הערנערלעך געטאָקטע, שטייט און בעט זיך:

— מע, מע, קויף מיך, יאָסעלע, קויף!

שטאַרק האָט יאָסעלע געוואָלט האָבן אַ ציגעלע, און דער טאַטע זיינער, כאַיִם דער שמיד, האָט אים טאַקע געקויפט אַ ציגעלע אַ ווייסע, אַ שיינע. יאָסעלע טרעט ניט אָפּ פֿון איר, ער קאָן זיך ניט אָנקוקן אָף זיין ציגעלע, ווען ער האָט ניט מורע פֿאַר אירע הערנער, וואָלט ער זי אָף די הענט געטראָגן.

די גאַנצע גאַס קינדער איז געקומען אַ קוק טאָן אָף

יאָסעלעס ציגעלע. און יאסעלע פירט אלעמען צום שטעלכל און באַווייזט זייז אויצער...

— קוקט, קוקט, וואָס איך האָב!

קוים האָט יאָסעלע וואַרמעס אָפּגעגעסן, איז ער שוין ווייטער אין שטעלכל.



נאָך וואַרמעס איז דער טאַטע אוועק אין קוזניע, די מאַמע האָט זיך צוגעשפּאַרט שלאָפן, און יאסעלע טראכט, ווען קאָן מען נאך די ציגעלע באווייזן, און ער האט זיך דערמאנט אן טייבעלען, זיין שוועסטערקע, וואס ליגט נאך אין וויגעלע.

— זי ליגט זיך אין וויג — טראכט ער — און ווייס פֿון גארנישט, מע דארף איר באווייזן די ציגעלע. אט איז ער באם וויגעלע, שלעפט און שלעפט טייבעלען, קוים ארויסגעשלעפט און טראגט זי מיט מאטערניש צום שטאַל.

טייבעלע האט זיך אופגעכאַפּט, וויינט, מאכט מיט די הענטלעך, און ער, ווי ניט אים מיינט מען, האט צוגעטראָגן זי צו דער ציג און זאגט:

— קוק, טייבעלע, סאַראַ ציגעלע, סאַראַ הערנערלעך.

— טייבעלע שרייט און יאסל בעט זיך:

— טו כאטש מיט איין אויגעלע אַ קוק:

דא האט די מאמע זיך געכאַפּט — ניטא דאס קינד אין וויגעלע, זי האט דערהערט טייבעלעס געוויין — איז זי ארויס־געלאפן אפן הויף, און יאסעלע האט שוין געכאפט א ביילעק.

די מאמע שרייט און יאסעלע פֿארשטייט ניט, פֿאַר־וואס, פֿאַר ווען:

— אַזא פֿרייד, אזא פֿרייד! און מע וויל, אז טייבעלע זאל פֿון איר גאר ניט וויסן.





א גרוזאָוויק

איבערן גאַס איז געפֿאָרן א גרוזאָוויק און איז אריינגעפאלן אין אַ קאנאַווע. שטייט ער און סאפעט און קען ניט ארויסקריכן: ניט אף רעכטס, ניט אף לינקס, ניט אַהער, ניט אַהין, שטייט און פּייפט.

איז ארויסגעגאַנגען דער שאָפֿער, צוגעבונדן א שטריק. ער שלעפט און ציט, ציט און שלעפט — און קאן ניט ארויסשלעפן דעם גרוזאָוויק.

שטייט אפן ראג א מיליציאָנער. האט דער שאָפֿער גערופן דעם מיליציאָנער. איז צוגעגאנגען דער מיליציאָנער.

מיליציאָנער פאַרן שטריק, שאָפֿער פאַרן שטריק, זיי שלעפן — ציען, ציען — שלעפן און קענען ניט ארויסשלעפן.

פֿאָרט פֿאַרביי א קאַרעטשניק.

קאַרעטשניק פֿאַרן שטריק, מיליציאָנער פֿאַרן שטריק, שאָפֿער פֿאַרן שטריק — זיי ציִען — שלעפּן, שלעפּן — ציִען און קענען ניט אַרויסשלעפּן.

גייט אַ פּיאָנער מיטן וועג.

פּיאָנער פֿאַרן שטריק, קאַרעטשניק פֿאַרן שטריק, מילי-ציאָנער פֿאַרן שטריק, שאָפֿער פֿאַרן שטריק; זיי ציִען— שלעפּן, שלעפּן—ציִען און קענען ניט אַרויסשלעפּן.

לויפֿט כאַימל אקטיאבערל אין קינדערגארטן, געכאַפּט די שטריק פֿאַרן עק און שלעפּט.

כאַימל פֿארן שטריק, פּיאָנער פֿארן שטריק, קארעטשניק פֿאַרן שטריק, מיליציאָנער פֿאַרן שטריק, שאָפֿער פֿאַרן שטריק — אַלע שלעפּן, שלעפּן... ארויסגעשלעפּט דעם גרוזאָוויק.

אינהאַלט

	זײַט
פֿריידעלע-קוואָקטוכע	3
מוישעלע	6
אַ מאַיסע מיט דרײַ ציגעלעך	9
יאָסלס ציגעלע	13
אַ גרוזאָוויק	16

ТРЫ
КОЗАЧКІ

322

פּרייז 20 קאָפּ.